דבר מלכות לנוער

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פרשת תצוה יו"ד אדר
הי' תהא שנת סגולות ונפלאות – ה'תשס"ו

# פון ז' אדר צו י"א ניסן

לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת תצוה תשנ"ב

## דער געבורטס טאָג פאַר נשיא הדור

אין דעם געבורטס טאָג דער מזל פון דאָס מענטשן איז גובר (פאַרשטאַרקט זיך), דאָס הייסט – זיין מזל העלפט אים ספּעציעל. ז' אדר איז דער געבורטס טאָג פון משה רבינו, און אין אים איז גובר דער מזל פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. ווייל משה רבינו איז דער נשיא הדור, און הנשיא הוא הכל (דער נשיא איז אַלעמען), דער גאַנצער אידישער פאָלק.

ווען המן הרשע האָט אָפּגעוואָרפן אַ פור צו פאַרטיליקן די אידן דערציילט דער מדרש, איז אין יעדער חודש האָט ער געפונען אַ ספּעציעלע זכות וואָס באַשיצט די אידן און פאַרמיידט פון אים צו פאַרטיליקן זיי. אָנקומענדיק צו חודש אדר, האָט ער זיך געפרייט אַ גרויסע פרייד, אדר האָט קיין שום זכות ניט, און זיין מזל – מזל דגים – האָט אויך ניט קיין זכות, דאָס איז דעריבער די פּאַסיקע געלעגנהייט צו לוחם זיין קעגן די אידן. ספּעציעל אַז אין ז' אדר איז געשטאָרבן משה.

המן האָט נישט געוואוסט אַז אין דעם זעלבן טאָג משה איז אויך געבוירן געוואָרן! זיין מזל איז גובר אויב אזוי, פאַר אים און פאַר דעם אידישן פאָלק. מיר דאַרפן ניט אָנקומען צום מזל פון חודש אדר, ווייל דער מזל פון משה רבינו און פון אַלע אידן איז גובר און מאַכט אויס המן'ס גזירה, און מאַכט איבער דעם גאַנצן חודש אויף טובה און ברכה.

## שטאַרקייט און פעסטקייט

'מזל' באַציט זיך איבעראַל צו די שטערן אין הימל וואָס העלפן צו דעם מענטשן. אָבער מיר אידן האָבן ניט קיין שייכות צו שטערן, אונזער מזל איז אינגאַנצן אַנדערש, עס רעדט זיך וועגן עצם הנשמה, וועגן דעם צובונד וואָס יעדער איד האָט מיטן אויבערשטן און צוליב אים קען זיך אַ איד ניט אָפּרייסן ח"ו פון דעם אויבערשטן אין קיין צושטאַנד.

אין דעם געבורטס טאָג פון משה, דער מזל פון אידן פאַרשטאַרקט זיך, און אידן באַקומען אַ ספּעציעלער חוזק און תוקף (שטאַרקייט און פעסטקייט) צו זיין צוגעבונדן צום אויבערשטן וואָס ס'זאָל ניט זיין. אזוי איז געווען אין פורים, ווען אידן זיינען געשטאַנען מיט מסירות נפש קעגן המן'ס גזירה און ניט גע'שמד'ט רח"ל.

און פון דעם קומט דער נאָמען פון חודש 'אדר' – 'אדיר', וואָס דער טייטש דערפון איז שטאַרקייט און מעכטיקייט, אין דעם חודש איז אונטערגשטראָכן דער חוזק און תוקף פון דעם אידישן פאָלק וואָס אויך זיי ווערן אָנגערופן 'אדירים'.

דער רבי מלך המשיח שליט"א באַטאָנט אַז דער צוועק איז דווקא דירה בתחתונים, געזונטע נשמות אין געזונטע קערפּער. דעריבער אַז מ'רעדט וועגן 'מסירות נפש' מיינען מיר ניט טויט חלילה. אדרבה, דער

צוועק איז צו זײַן אין דער וועלט. אידן זאָלן לעבן אין געזונטע קערפּער, און זײער פעסטקײט זאָל זיך אַנטפּלעקן אין דער וועלט.

אַזוי איז געווען פּורים. נאָך דעם ווי אידן זײַנען געשטאַנען מיט מסירות נפש זײַנען זײ נישט געשטאָרבן ח"ו, 'ונהפוך הוא', אידן האָבן איבער געוואונען און האָבן גע'הרג'ט זײערע פײַנט, און האָבן מקיים געווען תורה און מצוות מיט חוזק און תוקף און מיט אורה ושמחה וששון ויקר.

דאָס איז דער מהות פון ז' אדר, דער געבורטס טאָג פון נשיא הדור. אין דער טאָג ווערן געגעבן כחות צו דעם גאַנצן אידישן פאָלק צו זיך פאַרשטאַרקן אין קיום תורה ומצוות מיט תוקף און חוזק און דווקא לעבנדיק געזונטערהײט און פרײלעכערהײט.

## אָנגעהויבן אין אדר, פאַרענדיקט אין ניסן

חודש אדר איז נאָר דער אנהויב. אין חודש אדר פאַלט אויס פורים, און עס זײַנען געווען אין עם ניסים ונפלאות, אָבער אויך נאָך דער נס האָט זיך פאָרגעזעצט די שווערע און שרעקלעכע גלות.

אויף חודש ניסן איז געזאָגט געוואָרן "בניסן נגאלו ובניסן עתידין להיגאל" (אין ניסן זײַנען מיר אויסגעלײזט געוואָרן און אין ניסן וועלן מיר זיך אויסגעלײזט ווערן). חודש ניסן איז שייך צו די דריטע אויסלײזונג וואָס ס'איז ניטאָ נאָך איר קײן גלות, און צום אײביקן בית המקדש. דער רבי אונטערשטרײַכט דעם טאָג י"א ניסן, אין דעם טאָג דער אויבערשטער אַנטפּלעקט זיך צו מאַכן פאַר זיך אַ דירה בתחתונים.

פאַר אויספירונג: אין ז' אדר – דער געבורטס טאָג פון משה רבינו דער גואל ראשון (דער ערשטער אויסלײזער), באַקומט יעדער איד אַ ספּעציעלער חוזק און תוקף צו זײַן עבודה אין וועלט. אין חודש ניסן און ספּעציעל אין י"א בו, דערגענצט זיך די עבודה און ס'קומט די גאולה האמיתית והשלימה.

## תכל'ס, צו ברענגען די גאולה

אַזוי ווי שטענדיק, דער רבי מלך המשיח שליט"א לערנט אָפּ פון יעדער זאַך א קלאָרע אָנווײַזונג למעשה בפועל:

**יש להוסיף ביתר שאת וביתר עוז, ובתגבורת החיות, בכל מעשינו ועבודתינו בלימוד התורה וקיום המצוות, כולל ובמיוחד בהפצת התורה והיהדות והפצת המעיינות חוצה, כדי להביא בפועל ובגילוי את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.**

די אָנווײַזונג איז אָ קלאָרע, אַן אײנפאַכע און א צוועקמעסיקע. צו טאָן נאָך און נאָך אין אַלע געביטן, ספּעציעל אין די מבצעים, כדי צו ברענגען די גאולה אַהער. אַלץ וואָס מיר האָבן געלערנט אויף מסירות נפש, אויף דער תוקף און חוזק פון דעם אידן דאַרף זײַן אין אײן ריכטונג: צו ברענגען אין דער ווירקלעכקייט און עפנטלעך די גאולה האמיתית והשלימה!

און אָט דעמאָלט וועט זיך מקויים ווערן אין אונז דער פסוק (פון סדרה פון קומענדיקן שבת) "כי תשא את ראש בני ישראל" – דער אויבערשטער וועט מושח זײַן דעם 'ראש בני ישראל' (ראשי תיבות רבי) ער זאָל זײַן דער מלך המשיח און זאָל קומען אונז אויסלײזן וואָס שנעלער, תיכף ומי"ד ממ"ש ממש ממש!

• • •

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק